און טאָן דאָס בשמחה ובטוב לבב — ווי דער זהר[21] זאָגט בנוגע צו הדלקת נר שבת אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן „בחדוה דלבא ורעותא״, וואָס „חדוה״ בפשטות — מיינט פרייליכקייט, און „רעותא״ — גוטן ווילן.

יו״ד. וויבאַלד אַז היינט איז די מלוה־מלכה פון מוצאי שבת בראשית, די ערשטע מלוה־מלכה פון דעם נייעם (סדר התורה) יאָר, איז אויף צו מאַכן אַ התחלה — וועט מען לערנען איצט (בקיצור) דעם פסוק „אלה תולדות נח נח איש צדיק״, מיט וועלכן עס פאַנגט זיך אָן די סדרה פון היינטיקער וואָך:

ווי באַוואוסט דער וואָרט פון אַלטן רבי׳ן[22], אַז פון דער פרשה פין דער וואָך דאַרף מען זיך אָפּלערנען ווי צו אויפפירן זיך במשך די וואָך —

וואָס די אָפּלערנונג (פון דעם פסוק) האָט אַ ספּעציעלע שייכות מיט אידישע פרויען,

און דאָס זאָל אויך דינען אַלס התחלה אויף די מלוה־מלכה׳ס און צוזאַמענקלייבן זיך במשך פון דעם גאַנצן יאָר.

יא. אין פסוק „אלה תולדות נח נח איש צדיק וגו׳״, שטעלט זיך די פראַגע: די תולדות (קינדער) פון נח זיינען דאָך שם חם ויפת — טאָ פאַרוואָס זאָגט דער פסוק נאָך „אלה תולדות נח״ — „נח איש צדיק וגו׳״? זאָגט אין דעם רש״י צוויי פירושים:

איין פירוש: „הואיל והזכירו סיפר בשבחו שנאמר[23] זכר צדיק לברכה״ — „תולדות נח״ זיינען טאַקע שם חם ויפת, ווי דער פסוק פירט אויס שפּעטער „ויולד נח שלשה בנים את שם ואת חם ואת יפת״, און דאָס וואָס גלייך נאָך די ווערטער „אלה תולדות נח״ זאָגט ער „נח איש צדיק וגו׳״ (נאָך אידער ער זאָגט ווער זיינען די תולדות פון נח), איז עס מחמת דעם ווייל בעת מען דערמאָנט אַ צדיק, דאַרף מען אים גלייך משבח זיין;

און אַ צווייטן פירוש זאָגט רש״י „ללמדך שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים״ — אַז „נח איש צדיק וגו׳״ דאָס זיינען די תולדות פון נח, ווייל דער עיקר תולדות פון צדיקים זיינען זייערע מעשים טובים.

יב. ווי באַוואוסט, האָט רש״י אין זיין פירוש אויף תורה אַריינגעשטעלט פיל הוראות (אָנווייזונגען)[24]; מיר וועלן ברייגנען איצט איינע־צוויי פון די הוראות פון דעם אויבנדערמאָנטן פירוש רש״י:

ובהקדמה: „תולדות נח איש צדיק״ איז — קינדער פון (נח, וואָס

---

21) בראשית מח, ב.
22) היום יום ע׳ קא. סה״ש תש״ב ע׳ 30 ואילך.
23) משלי יו״ד, ז.
24) היום יום ע׳ כד. וראה לקו״ש ח״ה בתחלתו.

ער איז געווען) אַ צדיק, וואָס דערמיט ווערט געמיינט אויך די קינדער פון יעדער אידן, וואָרום אויף יעדער אידן שטייט „ועמך כולם צדיקים״ —

רש״י, אין זיינע צוויי פירושים אויף „אלה תולדות נח נח איש צדיק״, גיט אַרויס צוויי אַלגעמיינע הוראות ווי אַזוי מען דאַרף ערציִען (די תולדות צדיק) — אידישע קינדער — און זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די הוראות זיינען געווענדעט בעיקר צו אידישע פרויען, וואָרום דער (התחלה און יסוד פון) חינוך פון די קינדער איז דאָך אָפּהיינגיק בעיקר פון דער מוטער;

די ערשטע הוראה איז, אַז די ערציאונג פון קינדער — נאָך פון קליינ־וויז אויף — דאַרף זיין אין אַזאַ וועג, אַז בשעת מען דערמאָנט נאָר דעם נאָמען פון אַ צדיק, זאָלן זיי זיך אָנכאַפּן מיט אַ התפעלות (ווייל אין דעם קאָכן זיי זיך), זיי זאָלן גלייך אָנפאַנגען ריידן און לויבן זיין צדקות, ווי ער פירט זיך אויף לויט דעם אויבערשטנס ווילן,

ביז צו „תמים הי׳״, אַז זיין גוטע אויפפירונג איז מיט אַ גאַנצקייט אין במשך דעם גאַנצן טאָג, ניט בלויז ביים דאַווענען און לערנען נאָר אויך ביים עסן און טרינקען א.ד.ג.;

און די צווייטע הוראה איז, אַז די ערציאונג פון די קינדער דאַרף זיין אין אַזאַ וועג, אַז זיי זאָלן פילן, אַז „עיקר תולדותיהם״ פון זייערע עלטערן איז מעשים טובים, ד.ה. אַז דער עיקר און די האָפענונג (אויף די קינדער) און דער גליק פון זייערע עלטערן איז — דאָס וואָס די קינדער (תולדות — בפשטות[25]) וועלן זיך אויסצייכענען מיט מעשים טובים,

און אַזאַ ערציאונג וועט ברענגען אַז די קינדער וועלן זיך אויפפירן אין אַ גוטער וועג, סיי אין די זאַכן פון בין אדם למקום סיי אין די זאַכן פון בין אדם לחבירו, און ספּעציעל — אין זייער באַציאונג צו זייערע עלטערן, אַז באַ זיי וועט זיין דער „כבד את אביך ואת אמך״ אין דער פולסטער מאָס,

וואָס דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס איז סיי „בין אדם לחבירו״ און סיי „בין אדם למקום״[26], ובפרט אַז כיבוד אב ואם איז דאָך איינע פון די עשרת הדברות וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן גלייך[27] ביים באַרג סיני.

און דאָס וועט אויך ברענגען, אַז די גאַנצע משפחה — דער פאָטער, די מוטער און די קינדער — וועט זיין ווי איין זאַך, אַלע וועלן לעבן מיטן זעלבן גייסט, און גיין אין דער זעלבער וועג — אין דער וועג פון תורת אמת, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו יעדערען פון אונז.

---

25) ועפ״ז יומתק — שגם בפשוטו של מקרא (שיטת רש״י בפירושו עה״ת) — מקום לפרש שעיקר תולדותיהן כו׳.

26) ובפרט ש„השוה הכתוב כבוד אב ואם לכבוד המקום״ (קדושין ל, סע״ב).

27) לכל הדעות (מכילתא בשלח (טו, כה)) וראה פרש״י שלא הזכיר כיבוד או״א, משא״כ בפירושו במשפטים (כד, ג) ואתחנן (ה, טז). וכבר האריכו בזה במפרשיו.